בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ק"נ

יום טוב פסח
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - אַ רִיכְטִיגֶער סֵדֶר הַיּוֹם -

### מְחַנְּכִים דַארְפְן זִיךְ אִינְדֶערְפְרִי מְיַשֵּׁב זַיין

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): **"אַרְבָּעָה צְרִיכִין חִזּוּק, וְאֵלּוּ הֵן, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, תְּפִלָּה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ"**, פִיר זַאכְן דַארְפְן כְּסֵדֶר הָאבְּן חִיזּוּק, תּוֹרָה, מַעֲשִׂים טוֹבִים, תְּפִלָּה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ. וָואס מֵיינְט דֶרֶךְ אֶרֶץ? אַרוֹיסְצוּגֵיין אַרְבֶּעטְן פַאר פַּרְנָסָה (רַשִׁ"י, עַיֵּין דִּבּוּר הַמַּתְחִיל דֶּרֶךְ אֶרֶץ); יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן חִיזּוּק צוּ וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוּן גֵיין צוּ זַיין אַרְבֶּעט, אָבֶער מְחַנְּכִים דַארְפְן הָאבְּן פִיל מֶער חִיזּוּק אִין זֵייעֶר אַרְבֶּעט, וַוייל 'עֲבוֹדַת הַחִינּוּךְ' אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אוּן אַחְרַיוּת'דִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ): **"וִויפִיל פַארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימּוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְן טָאג אוּן אוֹיפְן שָׁעָה, וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָּשׁ קְלֵיין גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער, וַוייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן אוּן יֶענֶער קֶען דָאס מוֹחֵל זַיין, אָבֶער וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵּל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין"**.

מְחַנְּכִים דַארְפְן וִויסְן דָאס גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אַז זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת. מֶען מוּז קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה, אוּן מֶען דַארְף שׁוֹין דָארְט זַיין צֶען מִינוּט פַאר דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיבּ מֶען דַארְף זַיין אִין כִּתָּה נַיין אַזֵייגֶער, דַארְף מֶען שׁוֹין דָארְט זַיין: צֶען צוּ נַיין.

פַארְוָואס? וַוייל וֶוען מֶען אַרְבֶּעט אִין אַן אָפִּיס דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַשֵּׁב זַיין אֵיידֶער מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג, מֶען קֶען עֶפֶענֶען דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער אוּן גְלַייךְ אָנְהֵייבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן, אָבֶער אַ מְחַנֵּךְ דַארְף זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין אוּן זִיךְ דֶערְכַאפְּן דֶעם אָטֶעם אִינְדֶערְפְרִי כְּדֵי צוּ קֶענֶען אוֹיפְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דֶערִיבֶּער מוּז מֶען שׁוֹין זַיין אִין כִּתָּה כָאטְשׁ צֶען מִינוּט פַאר דִי צַייט.

### וִוי אַזוֹי צוּ פוֹעֵלְ'ן בַּיי מְחַנְּכִים צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ?

מְנַהֲלִים אוּן מְנַהֶלֶתְ'ן וָואס וִוילְן פוֹעֵלְ'ן בַּיי זֵייעֶרֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צוּ קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה, דַארְפְן וִויסְן: אַרָאפְּרֶעכֶענֶען גֶעלְט פוּן אַ מְחַנֵּךְ וָואס קוּמְט שְׁפֶּעט, וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, דָאס וֶועט זֵיי נִישְׁט מַאכְן קוּמֶען אִין צַייט, וַוייל קֵיינֶער אַרְבֶּעט נִישְׁט אִין אַ מוֹסָד בְּלוֹיז פַארְן גֶעהַאלְט; מֶען קֶען פַארְדִינֶען פִיל מֶער גֶעלְט אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת, וֶוער עֶס נֶעמְט אָן אַ פָּאסְטְן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער, טוּט עֶס נָאר וַוייל עֶר וִויל לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט אִינְזִין דָאס גֶעלְט.

וָואס דֶען זָאל מֶען טוּן? מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע שֵׁיינֶערְהֵייט, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וִוי הֵיילִיג זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז, אַז זֵיי אַרְבֶּעטְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אִיז אִין כִּתָּה אוּן הֶערְט וִוי מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר וַוארְט צוּ זֶען וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶערְפַאר מוּז מֶען אָנְקוּמֶען אִין צַייט.

### חִיזּוּק פַאר אֵיינֶער וָואס קוּמְט יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט?

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף חִיזּוּק צוּ זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה, וַוייל עֶר אִיז בְּטֶבַע אַ פַארְשְׁלֶעפְּטֶער אוּן קֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ צוּ גָארְנִישְׁט, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הַאלְטְן קַיין זְמַנִּים דַארְפְסְטוּ זִיךְ אָפְּזָאגְן פוּן מְלַמְּדוּת"**.

עֶס עֶקְזִיסְטִירְט נִישְׁט קַיין חִיזּוּק פַאר אֵיינֶער וָואס קוּמְט יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט, מֶען דַארְף אִים זָאגְן אֵיין זַאךְ: **"אָדֶער קוּמְסְטוּ צַייטְלִיךְ, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ - זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵייטֶע פַּרְנָסָה"**.

עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מְחִילָה אוּן תְּשׁוּבָה - פַאר אֵיינֶער וָואס קוּמְט יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט, וַוייל דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶוען מֶען הֵייבְּט עֶס אָן שְׁפֶּעט.

אֵיין תְּשׁוּבָה קֶען אֶפְשָׁר זַיין, דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק א', סִימָן מא) וֶוער עֶס הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, עֶר זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר אַלֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת.

### אַ רִיכְטִיגֶער סֵדֶר הַיּוֹם אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה

עֶס אִיז דָא אַ הֶערְלִיכֶע קוּנְטְרֵס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיטְן נָאמֶען 'סֵדֶר הַיְשִׁיבָה', וָואס רֶעדְט אַרוּם אִיבֶּער דָאס וִויכְטִיגְקֵייט פוּן אַיינְשְׁטֶעלְן דָאס לֶעבְּן מִיט אַ מְסוּדָּר'דִיגֶע סֵדֶר הַיּוֹם. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט (אוֹת א'): **"דֶער שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דֶעם אוֹיבּ עֶר הָאט**

**אַ מְסוּדָּר'דִיגֶע סֵדֶר הַיּוֹם".**

מוֹהֲרָא"ש אִיז עֶס מַסְבִּיר מִיט אַ מָשָׁל צוּ דִי מַעֲרֶכֶת הַשָּׁמַיִם: שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַז דִי זוּן זָאל אֵיין טָאג פַארְשְׁפֶּעטִיגְן אוּן אוֹיפְשַׁיינֶען נָאכְמִיטָאג אַנְשְׁטָאט אִינְדֶערפְרִי... דָאס קֶען דָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאסִירְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פִּינְקְטְלִיכְקֵייט, וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען (תְּפִלַּת עַרְבִית): **"וּמְסַדֵּר אֶת הַכּוֹכָבִים בְּמִשְׁמְרוֹתֵיהֶם בָּרָקִיעַ כִּרְצוֹנוֹ"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן שְׁטֶערְן אוּן מַזָל זַיין פִּינְקְטְלִיכְן פְּלַאץ וואוּ עֶר דַארְף זַיין, אוּן אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אַ מֶענְטְש: אוֹיבּ מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, מוּז מֶען זַיין מְסוּדָּר, זִיךְ לֵייגְן אִין צַייט אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט.

כָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן מְחַנְּכִים וָואס ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין אִין זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דַארְפְן זִיכֶער גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי אוּן דַאוֶוענֶען פְרִי, [אַ גוּטֶער מְלַמֵּד דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית זִיבְּן אַזֵייגֶער], וַוייל אַזוֹי הָאט מֶען נָאךְ צַייט נָאכְן דַאוֶוענֶען זִיךְ צוּ דֶערְכַאפְּן דֶעם אָטֶעם, אוּן זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל מְיַשֵּׁב זַיין אֵיידֶער מֶען דַארְף אַרַייְנְגֵיין אִין כִּתָּה.

מְחַנְּכִים וָואס לוֹיפְן נָאךְ דֶעם טָאג; זֵיי גֵייעֶן שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אוּן שְׁטֵייעֶן אוֹיף שְׁפֶּעט, זֵיי דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעט אוּן לוֹיפְן צוּ דִי קִינְדֶער מִיט דִי נְשָׁמָה אִין דִי הַאנְט, גֵייט דָאס זִיכֶער אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי טוּעֶן נִישְׁט זֵייעֶר אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

## אוֹיסְנִיצְן דֶעם אָנְהֵייבּ טָאג פַאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה

מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן אִינְדֶערְפְרִי צוּפִיל צַייט בַּיים עֶסְן פְרִישְׁטָאג. צוּפְרִי אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט פַאר לַאנְגֶע סְעוּדוֹת, נָאר אוֹיף צוּ עֶסְן אַ קְלֵיינִיקֵייט, כְּדֵי דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן אִינְדֶערְהֵיים זָאלְן נִישְׁט אַרַייְנְגֵיין אִין כִּתָּה הוּנְגֶעריג, אוּן נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט אַ פֵייעֶר צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער, כְּדֵי מֶען זָאל זֵיי דֶעמָאלְט קֶענֶען אוֹיסְלֶערְנֶען הֲלָכוֹת: וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ וַואשְׁן, אַז מֶען דַארְף אָנְכַאפְּן דִי בְּרוֹיט מִיט אַלֶע צֶען פִינְגֶער וֶוען מֶען מַאכְט דִי בְּרָכָה פוּן הַמּוֹצִיא, אוּן מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייניג, אָבֶּער דָאס זָאל מֶען טוּן בַּיי מִיטָאג.

וַוייל אִינְדֶערְפְרִי אִיז דִי קָאפּ נָאךְ שַׁארְף אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶערוּט, מִיט יֶעדֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער וֶוערְן דִי קִינְדֶער מֶער אוּן מֶער פַארְשְׁלָאפְן, בִּיז סוֹף טָאג - וָואס דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְט הַאלְט מֶען זֵיי בְּלוֹיז וַוייל מֶען קֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט אַהֵיימְשִׁיקְן, דֶעריבֶּער אִיז אַ גְרוֹיסֶע שָׁאד אַוֶועק צוּ גֶעבְּן דִי שֶׁענְסְטֶע מִינוּטְן פוּן טָאג פַאר לַאנְגֶע סְעוּדוֹת, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אוּן נָאכְמִיטָאג זָאל מֶען פְרַאוֶוען אַ לַאנְגֶע סְעוּדָה.

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ" פְלֶעגְן מִיר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער פְרִישְׁטָאג, דִי קִינְדֶער פְלֶעגְן עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, נַיין אַזֵייגֶער אִיז מֶען שׁוֹין אַרַיין אִין כִּתָּה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר שְׁפֶּעטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ גֶעבְּן פְרִישְׁטָאג פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַז גֶעוִויסֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען זִיךְ שְׁטַארְק גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זֵיי אַ גַאנְצְן טָאג, וַוייל אַ קִינְד וָואס עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶעריג אִיז זַיין מֹחַ נִישְׁט דָא, עֶר הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים אוּן קֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט חוּצְפָּה. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין צוּפִיל צַייט פוּן פַארְמִיטָאג בַּיים עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

## צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע כֹּחוֹת אִינְאֵיינֶעם

מְחַנְּכִים דַארְפְן הָאבְּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע כֹּחוֹת אִינְאֵיינֶעם; מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי אָדֶער אַ לֶערֶערִין רֶעדְט, מֶען טָאר נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן פוּן סִידּוּר אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה, אוּן דָאס גְלַייכְן; וַויי אוּן בִּיטֶער אִיז אוֹיבּ מֶען לָאזְט קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן אוּן מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ.

אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ קִינְדֶער, אוּן זֵיי מֵיינֶען גָארְנִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ קֶעגְן זֵייעֶר מְחַנֵּךְ. מֶען טָאר נִישְׁט טְרַאכְטְן צוּ זִיךְ: 'דָאס קִינְד הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, דֶערְפַאר וֶועל אִיךְ וַוייזְן פַארְן קִינְד אַז אִיךְ בִּין שְׁטֶערְקֶער אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן... דָאס קִינְד וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּאלוֹינוּנְג וָואס אַלֶע קִינְדֶער בַּאקוּמֶען, אָדֶער וֶועל אִיךְ אִים אוֹיסְזָאגְן פַאר זַיין טַאטֶע'.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מֶען זָאגְט פַאר אַ קִינְד וָואס צוּ טוּן, דַארְף מֶען וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן דָאס קִינְד אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ וואוֹיל קִינְד, נָאר פָּשׁוּט קִינְדֶערִישׁ. אוּן מֶען דַארְף וַוייטֶער גֶעבְּן פַארְן קִינְד אַ גוּט וָוארְט, אַ שְׁמֵייכְל, אַ גְלֶעט אוּן וַוארֶעמְקֵייט.

עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג צוּ נִיצְן דִי צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע כֹּחוֹת אִינְאֵיינֶעם, אָבֶּער דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְן רִיכְטִיגֶע וֶועג, אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַייְנְגֵיין אִין אַ שִׂנְאָה צוּ קֵיינֶעם"**, קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

## נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְצְן

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע עֶרְשַׁיינוּנְג בַּיי קִינְדֶער אַז זֵיי מַאכְן אַוֶועק אַ בַּאלוֹינוּנְג וָואס מֶען הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן. סַיי אִין שְׁטוּבּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן צוּ אַ בַּאלוֹינוּנְג אִיז אֵייבִּיג דָא אַ קִינְד וָואס מַאכְט עֶס אַוֶועק, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין כִּתָּה זֶענֶען אַלְץ דָא קִינְדֶער וָואס מַאכְן אַוֶועק בַּאלוֹינוּנְגֶען.

דֶעריבֶּער זָאל מֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּם הַארְצְן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אוֹיפְן קִינְד, נָאר מֶען זָאל אִין אָנְהֵייבּ אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה צוּ בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ וֶועג וָואס אַלֶע וֶועלְן דָאס אָנְנֶעמֶען גוּט, אוּן מִיט דִי צַייט זָאל מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז וֶוען אֵיינֶער גֶעבְּט אַ מַתָּנָה, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינִיקֵייט, דַארְף מֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען דֶערוֹיף אוּן זַיין פָארְזִיכְטִיג עֶס נִישְׁט אַוֶועק צוּ מַאכְן, כְּדֵי יֶענֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט: עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג, אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אַ צְוֵוייטְן: **"דִי אוֹיסְפְלוּג אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד"**, דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר פַאלְט אַרָאפּ פוּן בֶּענְקְל... וַוייל וֶוער הָאט דֶען כֹּחַ צוּ נֶעמֶען קִינְדֶער אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג? דָאס גַאנְצֶע מְלוּמְדוּת אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, נָאר צוּ דֶעם וֶוערְט מֶען אַבִּיסְל בַּאקְוֶועם וִויבַּאלְד מֶען טוּט דָאס טָאג טֶעגְלִיךְ, אָבֶּער צוּ פָארְן אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג וָואס אִיז נִישְׁט פוּנֶעם גֶעוֶוענְלִיכְן סֵדֶר - אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן דָאס גֶעבְּט אִים דֶער אִינְגְל צוּרִיק אַז עֶר

רופט זיך אָן פאַר אַלע קינדער: "**די אויספּלוג איז גאַרנישט ווערד**"...

לְמַעֲשֶׂה האָט זיך דער מְלַמֵּד איינגעהאַלטן און גאַרנישט געזאָגט פאַרן קינד בִּשְׁעַת דעם אויספּלוג, אַ טאָג דערויף איז ער מיר געקומען פרעגן וואָס ער זאָל טון מיטן קינד.

האָב איך געזאָגט פאַרן מְלַמֵּד אַז ער האָט זייער גוט געטון מיט דעם וואָס ער האָט גאַרנישט געזאָגט פאַרן קינד בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, ווייל עס איז דאָ אַ כְּלָל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כז, ד): "**בִּשְׁעַת חֶדְוָתָא - חֶדְוָתָא**", ווען עס איז פריילעך - זאָל מען בלייבן פריילעך און עס נישט צעשטערן. וּבִפְרַט אַז ער האָט גענומען דעם קינד'ס ווערטער אַזוי פערזענליך צום האַרצן. אָבער לְמַעֲשֶׂה מוז מען דאָך מְחַנֵּךְ זיין דאָס קינד, דעריבער זאָל ער זאָגן פאַרן קינד ווען ער איז שוין בּאַרואיגט, אַז עס נישט קיין שיינע מִדָּה אַוועקצומאַכן עפּעס וואָס אַ מְלַמֵּד מאַכט, דאָס איז נישט קיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ און דער אייבערשטער לָאזט נישט אַזוי רעדן.

## רעדן צו די קינדער פון פּשוט'ע יְסוֹדוֹת אין אידישקייט

מְחַנְּכִים דאַרפן רעדן צו די קינדער פון פּשוט'ע יְסוֹדוֹת אין אידישקייט; איבער רעדן און שְׁמוּעְסְן מיטן אייבערשטן, בעטן דעם אייבערשטן אַלעס וואָס מען דאַרף, און אַז דער אייבערשטער הערט אויס יעדן איינעם. אַזוי אויך אַז דער אייבערשטער געפינט זיך איבעראַל און מען קען זיך פון אים נישט באַהאַלטן, פון כִּיבּוּד אָב וָאֵם, און פון נישט טשעפּען אַנדערע.

מען טאָר נישט רעדן צו קינדער פון זאַכן וואָס האָט צוטון מיט זייערע עלטערן. צו עלטערע בַּחוּרִים קען מען שוין רעדן פון געוויסע זאַכן וואָס איז נוגע פאַר עלטערן, ווייל זיי הייבן זיך שוין אָן בּוֹחֵר צו זיין זייער וועג אין לעבן, דאַרפן זיי וויסן ווי אַזוי אויסצושטעלן זייער לעבן ריכטיג, אָבער צו קינדער טאָר מען נישט רעדן פון זאַכן וואָס האָט נישט צוטון מיט זיי.

עס איז אַ הירוס אין חִינּוּךְ צו זאָגן פאַר קינדער זאַכן וואָס זייערע עלטערן טוען דאָס פאַרקערטע, (אויסער ווען עס האַנדלט זיך פון אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם), ווייל קינדער האָבן ליב סיי זייערע מְלַמְּדִים, לערערינס און מַגִּידֵי שִׁיעוּר, און סיי זייערע עלטערן, און זיי ווערן זייער צעמישט הערנדיג אין די מוסד אַנדערש ווי מען טוט ביי זיי אינדערהיים.

## נישט רעדן צו קינדער קעגן אויסגעבן געלט

מיר וועלן אָנכאַפּן עטליכע ביישפּילן. מען טאָר נישט האַלטן אַ דְּרָשָׁה פאַר קינדער אַז "**מען טאָר נישט אויסגעבן געלט צו קויפן טייערע קליידער**", אָדער: "**מען טאָר נישט אויסגעבן געלט צו קויפן טייערע פאַרשטעלאַכץ**", און חוזק מאַכן פון די מענטשן וואָס קויפן טייערע קליידער, ווייל וואָס זאָלן די קינדער טון אויב זייערע עלטערן קויפן יאָ טייערע קליידער און טייערע פאַרשטעלאַכץ?!

אַזאַ שְׁמוּעְס מעג נאָר געזאָגט ווערן פאַר עלטערן, נישט פאַר קינדער, ווייל קינדער קענען ווערן זייער צעמישט ווען זיי הערן אין די מוסד אַנדערש פונדערהיים. זיי קענען טראַכטן: 'אָדער איז מיין מאַמע אַ נעבעך ווייל זי קויפט יאָ טייערע קליידער און פאַרשטעלאַכץ, אָדער ווייסן נישט מיינע מְחַנְּכִים וואָס זיי רעדן...'

פאַר די קינדער דאַרף מען זאָגן: "**מען דאַרף מְכַבֵּד זיין די מאַמע און וואָס זי גרייט אָן אָנצוטון דאַרף מען זיין צופרידן**".

## נישט רעדן צו קינדער בְּנוֹגֵעַ וואו צו עסן

מְחַנְּכִים טאָרן נישט רעדן צו קינדער קעגן די מענטשן וואָס פאָרן אַוועק אויף פֶּסַח צו האָטעלן. עלטערן דאַרפן וויסן אַז פֶּסַח עסט מען נאָר אין שטוּב, אָדער ביי די עלטערן אָדער ביי זיידעס, מען מישט זיך נישט פֶּסַח מיט קיינעם, און מען גייט נישט אין האָטעלס, אָבער מען קען נישט רעדן פון דעם צו די קינדער. ווייל וואָס זאָלן די קינדער טון אויב זייערע עלטערן פאָרן יאָ אַוועק אויף פֶּסַח? זאָלן זיי נישט מיט פאָרן? וואו דען זאָלן זיי זיין אויף יוֹם טוֹב? ווער וועט זיי אַריינעמען צו זיך אין שטוּב?!

דאָס זעלבע איז בְּנוֹגֵעַ דאָס וואָס געוויסע מענטשן גייען אַרויס מיט די מִשְׁפָּחָה עסן אין אַ רעסטאָראַנט; מען טאָר נישט רעדן קעגן דעם צו די קינדער. ווייל וואָס זאָלן די קינדער טון אויב זייערע עלטערן גייען יאָ אַרויס מיט די מִשְׁפָּחָה עסן אין אַ רעסטאָראַנט?! אויב וועלן זיי זאָגן פאַר זייערע עלטערן: "**מיין רֶבִּי זאָגט אַז מען טאָר דאָ נישט עסן**", קען חַס וְשָׁלוֹם פּאַסירן אַז דער טאַטע וועט ענטפערן: "**דיין רֶבִּי רעדט שְׁטוּתִים!**" און די קינדער וועלן שוין גאַרנישט קענען מְקַבֵּל זיין וואָס מען לערנט אין זיי אין די מוסד.

## אַריינברענגען אין די קינדער דאָס הייליגקייט פון אַ קאַפּל

נאָך אַ ביישפּיל: אויב אַ קינד קומט אין חֵדֶר מיט אַ געוויסע סאָרט גלעזער (בְּרִילְן), אָדער מיט אַ קליינע האַרטע קאַפּל אויפגעשריבן זיין נאָמען דערויף, און דער מְלַמֵּד האַלט אַז דאָס איז מאָדערן; טאָר נישט דער מְלַמֵּד זאָגן פאַרן קינד אַז דאָס איז נישט קיין ערליכע גלעזער און נישט קיין ערליכע קאַפּל, און ווייזן אויף די אַנדערע קינדער וואָס האָבן שיינע גרויסע קאַפּלעך אַז זיי זענען די ערליכע קינדער ווייל זיי האָבן גרויסע קאַפּלעך. דאָס מיינט אַ נאַרישער מְלַמֵּד; וואָס ווילסטו פונעם קינד?! דאָס קינד איז דאָך גאַרנישט שולדיג פאַרן אָנטון די סאָרט גלעזער און די סאָרט קאַפּל, זיינע עלטערן האָבן אים דאָס געקויפט.

אַ קלוגער מְלַמֵּד זאָגט פאַר אַ קינד וואָס קומט מיט נייע גלעזער אָדער אַ נייע קאַפּל: "**וואַוו, דו האָסט זייער שיינע גלעזער, דו האָסט זייער אַ שיינע קאַפּל; בִּיסט אַ וואָוילער אינגל**", און אויב ער וויל - קען ער אָנרופן די עלטערן און זאָגן: "**ביי אונז גייט מען נישט מיט דעם**". [ביי אונז אין מוסד "הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ", וויל איך נישט מען זאָל פאַרהאַלטן עלטערן וועגן די גלעזער און קאַפּלעך פון זייערע קינדער].

אַז מען וויל אַריינברענגען אין די קינדער דאָס שיינקייט פון אַ קאַפּל, טאָר מען עס נישט טון דורך חוזק מאַכן פון די קינדער וואָס גייען מיט קליינע קאַפּלעך; נאָר דורך רעדן צו די קינדער איבער דאָס הייליגקייט פון אַ קאַפּל און זינגען פאַר די קינדער: "**אַ מְחַיֶּה קאַפּל...**" דורכדעם וועלן זיי באַקומען אַ טַעַם אין אַ קאַפּל און ווען זיי וועלן עלטער ווערן וועלן זיי זיך קויפן אַ שיינע חסידי'שע קאַפּל.

אַז מען וועט אויסשטעלן אַ ריכטיגע סֵדֶר הַיּוֹם, גיין שלאָפן צייטליך און אויפשטיין פְּרִי, און איידער מען גייט אַריין צו די קינדער וועט מען זיך קענען מְיַשֵּׁב זיין ווי אַזוי צו רעדן צו די קינדער מיט ליבשאַפט, אויף די ריכטיגע וועג, וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות וואָס וועלן ליב האָבן דעם אייבערשטן און זיינע מִצְוֹת.

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַוארְפְט צוּרִיק אַ קָאמְפְּלִימֶענְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִירְט צוּ לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט אַ אִינְגְל אִין מַיין קְלַאס וָואס יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֶעבּ אִים אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען אַז עֶר דַאוֶוענְט אָדֶער לֶערְנְט שֵׁיין אָדֶער סֵיי וָואס, וַוארְפְט עֶר אַלְץ צוּרִיק דִי קָאמְפְּלִימֶענְט, אוּן לְכָבוֹד דֶעם הֶערְט עֶר גָאר אוֹיף צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ' אִיָר, ל"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַמְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט ווִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַנְשְׁטָאט דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען - ווֶעלְן זֵיי אָנְהוֹיבְּן טוּן מָאדְנֶע זַאכְן, אָדֶער דָאס פַארְקֶערְטֶע.

אַז דֶער קִינְד טוּט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן דִי קָאמְפְּלִימֶענְטְן פְּרִיוַואט, גֶעבּ אִים נִישְׁט קַיין קָאמְפְּלִימֶענְטְן בָּרַבִּים; פְּרִיוַואט וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען פַארְדֵייעֶן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה יום טוב שבועות תשפ"ג)

## אַז מֶען פָאלְגְט אַן עֶרְלִיכְן אִיד, הָאט מֶען גוּטֶע קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין זוּן, הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר מֶעג גֵיין חוֹל הַמוֹעֵד צוּ דִי פְּלֶעי, הָאט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר אִים עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין. עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען דָארְט; דִי יוּנְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל פַארְקוֹיפְן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', עֶס אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער דוּ זָאלְסְט אִים הַאלְטְן מִיט דִיר חוֹל הַמוֹעֵד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ קְלֶענֶער פוּן זַיין רֶבִּי, עֶר פְרֶעגְט זַיין רֶבִּי אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "אַף עַל פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים, דָאךְ פְרֶעגְט עֶר אִים נָאךְ אַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת, "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְט פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי 'מְפִיבֹשֶׁת' אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גְרֶעסֶער פוּן זַיין רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת. דֶעם זוּן הָאט מֶען גֶערוּפְן 'כִּלְאָב' וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשֶׁעמֶען; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ'ס רֶבִּי מְפִיבֹשֶׁת אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

וָואס הָאט דָאס פְרֶעגְן אַ רֶבִּי אוּן זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרֶעפְט אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיט אִים עֵצוֹת ווִי צוּ הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן, עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פְרֶעגְט יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט סֵיי עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיךְ וֶועט עֶר הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים. וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ טוּן אַזוֹי ווִי דֶער טַאטֶע, זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ פְרֶעגְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן פָאלְגְן; אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיינְס מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם קָאפּ, אָדֶער עֶר בַּאלֵיידִיגְט זִיךְ וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים וָואס צוּ טוּן, וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ גֵיין מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשע"ט)

## אַז עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְדֶערְהֵיים, אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג דִי פְּלֶעיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ אַ פְּלֶעי חוֹל הַמוֹעֵד; אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ פְּלֶעי, בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט אוּנְז גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, מִיר הָאבְּן אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין. אוֹיךְ מַיינֶע קִינְדֶער שִׁיק אִיךְ נִישְׁט צוּ קַיין פְּלֶעיס, אִיךְ הַאלְט זֵיי מִיט מִיר, אִיךְ פְּרוּבִיר זֵיי צוּ מַאכְן גֶעשְׁמַאק אִין שְׁטוּבּ אַז עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דִי נַארִישֶׁע פְּלֶעיס.

וָואס קֶען דִיר זָאגְן, וָואס וֵוייס אִיךְ פַאר מִיר וָואס צוּ טוּן; מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַפֶּסַח תשפ"ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876